**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/14/2023 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט ווילעדזש פון דאומער אלס די 10 מיליאן דאלארדיגע סענטראל ניו יארק געוואונער פון די זעקסטע רונדע פון די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו**

***דאונטאון אויפלעבונג אינוועסטירונגען זענען א קריטישע טייל פון דער סטעיטס פולשטענדיגע;***
***עקאנאמישע אנטוויקלונג און קאמיוניטי וואקסונג סטראטעגיע***

***סטעיט צו ארבעטן מיט איינוואוינער, קאמיוניטי פירער און פובליק בעאמטע צו אויפלעבן האומער'ס שטאט צענטער***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז די ווילעדזש אָוו האומער וועט באקומען 10 מיליאן דאלאר אין פינאנצירונג אלץ די סענטראל ניו יארק געוואונער אין די זעקסטע רונדע פון די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI). פאר די 6'טע רונדע פון DRI, ווערט יעדע פון די סטעיט'ס 10 עקאנאמישע אנטוויקלונג ראיאנען צוגעטיילט 10 מיליאן דאלאר, מיט א סך הכל פון 100 מיליאן דאלאר אין פארשפראכענע געלטער פון די סטעיט אין פינאנצירונג און אינוועסטירונגען צו העלפן קאמיוניטיס פארשטערקערן זייערע עקאנאמיעס דורכן אויפפרישן זייערע שטאטישע געגנטער צו ווערן לעבהאפטע געגנטער.

"אונזער שטאט-צענטערן שפילן א קריטישע ראלע אין אונזער ארטיגע עקאנאמיעס, און מיר ארבעטן איבער די צייט זיי צו אויפלעבן איבער ניו יארק סטעיט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די 10 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג אין די ווילעדזש אוו האומער וועט העלפן דערהייבן די קאמיוניטי פאר דורות ווייטער און אויפבויען די פרנסה און ראיאנישע עקאנאמיע פון סענטראל ניו יארק."

די DRI דינט אלץ א באשטאנדטייל פון די סטעיט'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג פאליסי דורכן איבערמאכן שטאטישע געגנטער צו ווערן לעבהאפטיגע צענטערן פון אקטיוויטעט וועלכע ברענגען א הויכע קוואליטעט פון לעבן און ציהען צו ביזנעסער, דזשאבס און עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט. אזוי ווי די פארגאנגענע DRI רונדן, יעדע אויסגעקליבענע קאמיוניטי וועט אנטוויקלען א סטרעטעגישן פלאן, פון אונטן-ארויף, קאמיוניטי-באזירטע פלאנירונג פראצעס וואס זאגט ארויס קלאר א וויזיע פארן אויפפרישן פון דער דאונטאון און אידענטיפיצירן א ליסטע פון כאראקטעריסטישע פראיעקטן וואס האבן טראנספארמיטיווע פאטענציאל און אויסנוצן ווייטערדיגע פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען. די דעפארטמענט אוו סטעיט וועט דעמאלט צוטיילן פאר DRI פינאנצירונג צו אויסגעקליבענע פראיעקטן וואס האבן די גרעסטע פאטענציאל אויפצולעבן די אויפפרישונג און צו שטאנד ברענגען די קאמיוניטיס וויזיע.

**האומער**
האומער איז א פארצייטישע אמעריקאנער בילד, מיט א ברייטע הויפט גאס מיט הערליכעביימער ביי די זייטן און היסטארישע פאלאצן וועלכע טוישן זיך צו א היסטארישע ווילעדזש גרין. האומער'ס צענטער פאר

די ארטס איז געווארן א ראיאנישע אויפפירונג ארטס ציל, געביידעס זענען ווידער אנטוויקלט געווארן מיט אייגנארטיגע וואוינונגס איינהייטן און נייע אינוועסטירונגען דורך פריוואטע דעוועלאפערס טרייבן ווייטער פלייסיגקייט. די ווילעדזש פון האומער האט אידענטיפיצירט א קלארע, שפאצירבארע 270-אקער טייל פון די ווילעדזש אלס איר DRI אינוועסטירונג ארט. די פלאץ נעמט אריין די גאנצע סיי די אלטע האומער נאציאנאלע רעגיסטאר היסטארישע דיסטריקט און די גע'זאונ'טע צענטראלע ביזנעס דיסטריקט, אריינגערעכנט די ווילעדזש גרין, און נעמט אריין א געמיש פון וואוינונג, קאמערשעל, ציווילע און רעליגיעזע געביידעס. די געגנט איז די עיקר פון די ווילעדזש, אריינגערעכנט די הויפט טויערן צו די שטאט-צענטער געגנט און שטעלט צו פילע אינוועסטירונג מעגליכקייטן.

האומער זוכט צו צופאסן אירע היסטארישע געביידעס, קולטוראלע אטראקציעס, און די וואסער פראנט צו שאפן א שטאט-צענטער פון די 21טע יאר הונדערט. צו עררייכן דעם ציל, ארבעט די ווילעדזש מיט אירע בירגערשאפטליכע, נאן-פראפיט ארגאניזאציעס און די דעוועלאפמענט קאמיוניטי צו אוועקשטעלן א פלאן פאר'ן צוקונפט וואס וועט ווידער אויפלעבן די וואסער פראנט, צוריקשטעלן היסטארישע געביידעס, פארברייטערן די ווילעדזש'ס קולטוראלע אסעטס, שאפן נייע ארבעט געלעגנהייטן, פארמערן שטארקקייט, ווידער אנטוויקלען פובליק ערטער און ציען נייע איינוואוינער צו רופן די סענטראל ניו יארק דיימאנט, היים.

די סענטראל ניו יארק ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל ( Regional Economic Development Council) האט דורכגעפירט א גרונטליכע און פארמעסטנדע פראצעדור פון פארשלאגן אריינגעגעבן פון קאמיוניטיס איבער די גאנצע ראיאן, און זיי האבן אין באטראכט גענומען אלע קריטעריאנען בעפארן רעקאמענדירן דאַנקירק אלץ איינע פון די נאמינירטע:

- דאונטאון איז קאמפאקט, מיט גוט אפגעצייכנטע גרעניצן;
- דאונטאון קען אויסניצן אויף פריעריגע, אדער גורם זיין צוקונפדיגע פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען;
- לעצטע אדער קומענדיגע פאסטן געוואוקס פון אינעווייניג, אדער לעבן אזא דאונטאון וואס קען צו ציען ארבעטער, שטיצן איבער-אנטוויקלען און מאכן געוואוקס אויסהאלטעוודיג;
- דאונטאון איז אן אטראקטיווע און א וואוינארט קאמיוניטי פאר פילמיניגע באפעלקערונג;
- די מוניציפאליטעטן כאפט זיך שוין ארום, אדער האט די מעגליכקייט צו באשאפן און איינפירן פאליסעס וואס פארמערט וואוינעוודיגקייט און קוואליטעט פון לעבן;
- די מוניציפאליטעט האט אנגעפירט אן אפענע און קרעפטיגע קאמיוניטי ארויסקומענדיג מיט א וויזיע פאר א דאונטאון אויפלעבונג מיט א פאראויסדיגע ליסטע פון פראיעקטן און איניציעטיוון;
- די מוניציפאליטעט האט דעם לאקאלע מעגליכקייט צו פירן דעם DRI פראצעס; און
- די מוניציפאליטעט האט אידענטיפיצירט טראנספארמאטיווע פראיעקטן וואס וועלן זיין גרייט פאר קורץ-טערמיניקע דורכפיר מיט אן אינפוזיע פון DRI פינאנצירונג.

האומער איז צוגעטיילט געווארן 10 מיליאן דאלאר אין סטעיט פינאנצירונג און אינוועסטירונגען אויפצולעבן איר שטאטישע געגנט און שאפן נייע געלעגנהייטן פאר לאנג-טערמיניגע וואוקס נאכפאלגנדיג די לאקאלע פלאנירונג פראצעדור. האומער שליסט זיך אן צו די סיטיס פון אסוועגא, קארטלענד, אובאורן, פולטאן, אניידא און סירעקיוז, וועלכע זענען געווען סענטראל ניו יארק'ס געווינער אין די ערשטע פינף DRI רונדן.

האומער וועט אנהויבן דעם פראצעדור פון אנטוויקלען א סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן צו אויפלעבן איר שטאטישע צענטער מיט ביז אזויפיל ווי 300,000 דאלאר אין פלאנירונג געלטער פון די 10 מיליאן דאלארדיגע DRI גרענט. א לאקאלע פלאנירונגס קאמיסיע, צוזאמענגעשטעלט פון שטאטישע פארטרעטער, כלל פירער, און אנדערע פאראינטערעסירטע פארטייען, וועלן אנפירן די ארבעט,

בייגעהאלפן דורך א מאנשאפט פון מומחים פון דעם פריוואטן סעקטאר און שטאט־פלאנירער. דער סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט אונטערזוכן ארטיגע אייגנשאפטן און געלעגנהייטן און אידענטיפיצירן עקאנאמישע אנטוויקלונג, טראנספארטאציע, האָוזינג און קאמיוניטי פראיעקטן וועלכע זענען אין איינקלאנג מיט יעדע קאמיוניטי׳ס בליק פאר דאונטאון ווידער-אויפלעבונג און זענען גרייט אויף באלד איינצופירן. דער סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן וועט פירן די אינוועסטירונג פון DRI גרענט געלטער אין ווידער-אויפלעבונג פראיעקטן וועלכע וועלן פאראויס-פירן דער קאמיוניטי׳ס בליק פאר איר דאונטאון געגנט און קענען אויסניצן און פארברייטערן אויף דער סטעיט׳ס 10 מיליאן דאלערדיגע אינוועסטירונג. פלענער פאר דער DRI's זעקסטע רונדע וועט פארטיג זיין אין 2023.

**סעקרעטאר אוו סטעיט ראבערט דזש. ראדריגעז האט געזאגט,** "די ווילעדזש פון האומער איז דיימאנט פון סענטראל ניו יארק מיט איר היסטארישע געביידעס, קולטוראלע אטראקציעס און הערליכע וועלדער. די שטאט-צענטער אויפלעבונגס פלאן געלטער וועט ערלויבן האומער צו ווידער אקטיוויזירן איר וואסער פראנט און שאפן א שטאט-צענטער פאר די 21טע יאר הונדערט, מאכנדיג די היסטארישע ווילעדזש דאס בעסטע ציל פאר באזוכער פון איבער די גאנצע ראיאן און סטעיט."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "האומער'ס געצילטע, פאראויס-טראכטנדע פלאן וועט פולשטענדיג אויסנוצן די באַחנ'טע ווילעדזש'ס היסטארישע פארגאנגענהייט און איר פארשפרעכנדע צוקונפט. די DRI געלטער וועט העלפן ווייטער פארבעסערן די קאמיוניטי'ס שטארקע בליק, וועלכע וועט טרייבן דורכגעטראכטע עקאנאמישע אנטוויקלונג פרואוון ווייטער אויף די וואסערפראנט און ציען באזוכער צו האומער פאר יארן ווייטער."

**היים און קאמיוניטי באנייאונג קאמישינער רוטנען וויסנאוסקעס האט געזאגט** "די שטאט-צענטער אויפלעבונג פלאן האט געהאט א טוישנדע ווירקונג אויף קאמיוניטיס איבער די סטעיט דורך ברענגען ניו יארקער און ביזנעסער צוריק צו אונזער שטאט-צענטערן, מאכן דזשאבס, פארברייטערן פארמעגליכע הייזער געלעגנהייטן, און בויען מער גלייכע געגנטער. קאנגראטולאציעס צו האומער פאר די ערגרייכונג וואס וועט צוריקברענגען די ווילעדזש'ס היסטארישע שטאט-צענטער און וואסער פראנט און פארבעסערן קוואליטעט פון לעבן פאר יעצטיגע און שפעטערדיגע איינוואוינער."

**סענטראל ניו יארק ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסיל מיט-פארזיצער רענדי וואלקען, פרעזידענט און CEO פון דעם מעניופעקטשורערס אסאסיעשען פון צענטראל ניו יארק און לע-מוין קאלעדזש פרעזידענטקע לינדע מ. לעמורע האט געזאגט,** "מיר זענען זייער צופרידן צו זען די ווילעדזש פון האומער אויסגערעכנט אלס די לעצטע DRI דערהאלטער פאר די סענטראל ניו יארק ראיאן. די הערליכע קאמיוניטי שטייט גרייט זיך צו נעמען צום ארבעט אויף איר געצילטע, סטראטעגישע פלאן וואס צילט צו צוציען אינוועסטירונג און אריינבלאזן א פרישע ענערגיע און פונדאסניי אנטוויקלען די הארץ און זעלע פון די ווילעדזש'ס היסטארישע ביזנעס דיסטריקט."

**אסעמבלימיטגלידער דזשעף גאלאהאן האט געזאגט,** "עס קומט זיך זייער פאר האומער די שטאט-צענטער אויפלעבונג פלאן און 10 מיליאן דאלערדיגע געלטער. דאס איז אן איבערראשנדע אינוועסטירונג אין די צוקונפט פון אפסטעיט ניו יארק. די געלטער וועלן שטיצן קריטישע בוי-ארבעט פארבעסערונגען וועלכע זענען זייער וויכטיג צו ציען און אנהאלטן דזשאב-שאפנדע ביזנעסער. מיט ארבעטן צוזאמען, קענען מיר פארזעצן צו פארבעסערן אונזער סטעיט און צושטעלן קריטישע שטיצע פאר אונזערע ארטיגע קאמיוניטיס."

**ווילעדזש אוו האומער מעיאר האל מקקאבע האט געזאגט,** "אין נאמען פון די ווילעדזש אוו האומער, וויל איך אויסדרוקן ווי טיף מיר שעצן די באשלוס צו שענקען די שטאט-צענטער אויפלעבונג פלאן פון סענטראל ניו יארק פאר האומער. די געלטער וועלן פארזיכערן אז אונזער הערליכע, פריינטליכע,

היסטארישע ווילעדזש זאל בלייבן בליענד און צוגענגליך פאר ווייטערדיגע דורות. עטליכע פון די ראיאן'ס וויכטיגסטע היסטארישע געביידעס וועלן ווערן אנגעהאלטן א דאנק די געלטער, ווי אויך וועט עס שאפן נייע ביזנעס און עקאנאמישע אנטוויקלונג געלעגנהייטן פאר אונזער יעצטיגע איינוואוינער. אינעם צייט וואס מיר גרייטן זיך אלס א ראיאן פאר די אנקום פון מיקראן, וועט די DRI אויך העלפן ארטיגע פראיעקטן וועלכע וועט לייגן האומער אלס איינס פון די הויפט קאמיוניטיס וואס די ערווארטענע נייער ארבעטער און זייער פאמיליעס וועלן רופן היים. איך קען נישט גענוג דאנקען גאווערנער האקול און סעקרעטערי און סטעיט ראדריגעז פאר די כבוד."

די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2016 צו פארשנעלערן און פארברייטערן די אויפלעבונג פון שטאטישע צענטערן און געגנטער אין אלע צען ראיאנען פון די סטעיט צו דינען אלץ צענטערן פון אקטיוויטעט און טרייב קרעפטן פאר אינוועסטירונג. ווערנדיג אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט מיט הילף פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, די היימער און קאמיוניטי רינוּעל און NYSERDA — איז די DRI א פרעצענדענטלאזע און שעפערישע "אומר ועושה" סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג, און די רעזולטאטן דערפון זענען געדיכטע, פיסגייער-פריינטליכע שטאט צענטערן וואס זענען א הויפט באשטאנדטייל אינעם העלפן ניו יארק סטעיט צוריק אויפבויען איר עקאנאמיע נאך די ווירקונגען פון די קאוויד-19 פאנדעמיע, און אזוי אויך צו ערגרייכן די סטעיט'ס דרייסטע קלימאט ציהלן דורכן שטופן פאר דאס באנוץ מיט פובליק טראנספארטאציע און רעדוצירן דאס זיין געוואנדן אויף פריוואטע קארן.

אין די ערשטע פינף יאר פון דער פראגראם האט דער סטעיט פארשפראכן $600 מיליאן צו אינוועסטירן אין 59 דאונטאונס וואס זענען מוכשר אויף ווידער־אויפבליאונג, און פארמאגן די פאטענציאל צו ווערן מאגנעטן צוציען ווידער־אנטוויקלונג, ביזנעס, דזשאבס, עקאנאמישע און וואוינונגס פארשידן־מיניגקייט, און געלעגנהייטן. אנטיילנעמענדע קאמיוניטיס ווערן נאמינירט דורך די סטעיט׳ס 10 ראיאנישע עקאנאמישע אנטוויקלונג קאונסילס באזירט אויף די דאונטאון׳ס פאטענציעל פאר טראנספארמאציע. יעדע קאמיוניטי ווערט געשאנקען $10 מיליאן צו אנטוויקלען א דאונטאון סטראטעגישע אינוועסטירונג פלאן און אדורכפירן וויכטיגע סטימולירטע פראיעקטן וואס פראגרעסערט די קאמיוניטיס וויזיע אויפצולעבן און אויסניצן מער פריוואטע און פובליק אינוועסטירונגען.

מער אינפארמאציע וועגן דער DRI איז צום באקומען [דא](#).

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418